Ghetto Fighters' House

רשק

לפני המלחמה

גליון הענינים 61.03

מדף ג.ג.

19199

ספרון של יונס טורקוב: "וועגווייזער פאר פראקטישע קרייזן", ורשה, 1924

חוברת הדרכה לחוגים דרמטיים.

רישום קודם: שני צבי: 5405

חוברת הדרכה לחוגים דרמטיים מעת יונס טורקוב אשר פורסמה בורשה ב – 1924.

תוכן העניינים.

1. מספר מלים על המשבר.
2. תפקיד החוגים הדרמטיים.
3. העבודה.
4. העצה.
5. הוועדה הטכנית.
6. וועדת הרפרטואר.
7. בימוי.
8. מנהל הבמה הטכני.
9. ניסויים.
10. תפקידים ועיבודים.
11. דיקציה.
12. הצגה.

Ghetto Fighters' House

יאנאס טורקאוו

# וועגווייזער פאר
# דראמאטישע קרייזן

ווארשע / 1924

Ghetto Fighters' House

יאָנאס טורקאָוו

# וועגווייזער פאר
# דראמאטישע קרייזן

ווארשע / 1924

Ghetto Fighters' House

## זוכצעטל.


| | | |
|---|---|---|
| I. | אַפּאָר ווערטער צום קריזיס — | 3 |
| II. | די אויפגאַבן פון די דראַמאַטישע קרייזן — | 4 |
| III. | די אַרבעט — | 5 |
| IV. | דער ראַט — | 6 |
| V. | טעכנישע קאָמיסיע — | 7 |
| VI. | רעפּערטואַר־קאָמיסיע — | 9 |
| VII. | רעזשי — | 10 |
| VIII. | טעכנישער בינע־לייטער — | 12 |
| IX. | פּראָבן — | 14 |
| X. | ראָלן אויפפאַסונג און באַאַרבעטונג — | 17 |
| XI. | דיקציע — | 20 |
| XII. | פאָרשטעלונג — | 22 |


I.

## אַפּאָר ווערטער צום קריזיס.

מען רעדט שוין גענוג — אפשר צופיל — וועגן קריזיס, וואָס דער יידישער טעאַטער אין פוילן לעבט איצט איבער, בפרט די דראַמע, וועלכע האָט שוין אויף אַ קורצע צייט אָנגעהויבן צו באַשיינען אונזער אָרעם טעאַטער־לעבן, און מען שטרענגט אָן די מוחות צו דערגיין ווו עס ליגט דער שווערפּונקט פון דעם פּלוצלינגדיקן צוריקגיין.

אויף אַלע אַרטיסטן־צוזאַמענפאָרן — און סתם אָוונטן געווידמעטע דעם איצטיקן מצב פון יידישן טעאַטער, איז אונזערע טוער נאָך אַלץ נישט געלונגען צו געבן אַ לעזונג פאַר דער אַבגעוויסיקטער פראַגע. עס האָבן נישט געהאָלפן די „פּראַקטישע" פּאָסטולאַטן, מיט וועלכע זיי האָבן אָפּערירט. זאָלן־זשע זיי הייטער זיך פאַרטהעצן די „רעטונג" פון גוטסתדיקן בעסערן טעאַטער אין פוילן און מיר וועלן זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע, וואָס שטייט ביי אונז אויפן סדר־היום: דראַמאַטישע קרייזן, אויסמיידנדיק צו באַרירן דעם פאַרוויקלטן טעאַטער־פּראָבלעם, אויף וויפיל ער וועט נאַטירלעך, נישט זיין פאַרבונדן מיט אונזער פראַגע.

גלייכצייטיק מיטן שווערן קריזיס פון יידישן טעאַטער, פילט זיך אויך אַ שטאַרקער רעגרעס און דעפּאַרטירונג פון די דראַמאַטישע קרייזן. און דאָס איז אַ פעלער, ווייל ז י י טאָרן זיך נישט אָפּשרעקן פון די שוואַכע רעזולטאַטן, וואָס זענען דערווייל דער־

Ghetto Fighters' House

# ז ו כ צ ע ט ל.

| | | |
|---|---|---|
| I. | אַפּאָר ווערטער צום קריזיס — | 3 |
| II. | די אויפגאַבן פון די דראַמאַטישע קרייזן — | 4 |
| III. | די אַרבעט — | 5 |
| IV. | דער ראַט — | 6 |
| V. | טעכנישע קאָמיסיע — | 7 |
| VI. | רעפּערטואַר-קאָמיסיע — | 9 |
| VII. | רעזשי — | 10 |
| VIII. | טעכנישער בינע-לייטער — | 12 |
| IX. | פּראָבן — | 14 |
| X. | ראָלן אויפפאַסונג און באַאַרבעטונג — | 17 |
| XI. | דיקציע — | 20 |
| XII. | פאַרשטעלונג — | 22 |

I.

## אַפּאָר ווערטער צום קריזיס.

מען רעדט שוין גענוג — אפשר צופיל — וועגן קריזיס, וואָס דער יידישער טעאַטער אין פּוילן לעבט איצט איבער, בפרט די דראַמע, וועלכע האָט שוין אויף אַ קורצע צייט אָנגעהויבן צו באַשיינען אונזער אָרעם טעאַטער-לעבן. און מען שטרענגט אָן די מוחות צו דערגיין ווו עס ליגט דער שווערפּונקט פון דעם בלוצ-לינגדיקן צוריקגיין.

אויף אַלע אַרטיסטן-צוזאַמענפאָרן — און סתם אָוונטן — געווידמעטע דעם איצטיקן מצב פון יידישן טעאַטער, איז אינזערע טער נאָך אַלץ ניט געלונגען צו געבן אַ לעזונג פאַר דער, אַזוי געוויכטיקער פראַגע. עס האָבן ניט געהאָלפן די „פּראַקטישע" פּאָסטולאַטן, מיט וועלכע זיי האָבן אָפּערירט. זאָלן-זשע זיי ווייטער זיך פאַרזוצן די „לעזונג" פון גוסתדיקן בעסערן טעאַטער אין פּוילן. און מיר וועלן זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע, וואָס שטייט ביי אונז אויפן סדר-היום: דראַמאַטישע קרייזן, אויסמיידנדיק צו באַרירן דעם פאַרוויקלטן טעאַטער-פּראָבלעם, אַגב וויפיל ער וועט, באַטרעפן, ניט זיין פאַרבונדן מיט אונזער פראַגע.

גלייכצייטיק מיטן שווערן קריזיס פון יידישן טעאַטער, פילט זיך אויך אַ שטאַרקער רעגרעס און דעגראַדירונג פון די דראַמאַטישע קרייזן. און דאָס איז אַ פעלער, ווייל זיי טאָרן זיך ניט אָפּשרעקן פון די שוואַכע רעזולטאַטן, וואָס זענען דערוויל דער-

Ghetto Fighters' House

גרייכט געוואָרן ביים היילן פון זייער קראַנקער עלטערער שוועסטער, זיי טאָרן אויף קיין איין אויגנבליק נישט פאַרגעסן, אַז זיי אַליין זענען אויך שווער קראַנק און פון זייער געזונטווערן איז אָפּהענגיק די צוקונפט פון אַ גאַנצן דור.

לאָמיר זיך, אַלזאָ, באַמיען צו געפינען אַ היילמיטל פאַר די דראַמאַטישע קרייזן און זוכן וועגן ווי אַזוי זיך ווידער געזונט אויף די פיס צו שטעלן.

II.

## די אויפגאַבן פון די דראַמאַטישע קרייזן.

די דראַמאַטישע קרייזן דאַרפן זיין די צענטערן, ווו עס זאָלן זיך צונויפגיסן אַלע יונגע נשמות, וואָס זוכן זייערע צילן אין בייסטערייכער אַרבעט, קולטיווירן זיך און אַנדערע (דעם עולם), מעסטן זייערע כוחות ביים פאַרקערפּערן פאַרשידענע געשטאַלטן, און ווילן געפינען זייער באַפרידיקונג אין אַרבעט פאַר דער שיינער קונסט. דערפאַר דאַרפן די טירן פון די דראַמאַטישע קרייזן פון איין זייט זיין אָפן פאַר אַלע, וואָס שטרעבן אַהין צו אַ באַוווסטזיניקער, קאָנצענטרירטער אַרבעט; פון דער אַנדערער זייט — פאַרמאַכט פאַר די אַלע, וואָס קומען אַהין צוליב לאַנגווייליקייט-צייטפאַרטרייב, ציען חיונה און אַנדערע ענלעכע צוועקן.

פון די דראַמאַטישע קרייזן דערוואַרט מען אין דער צוקונפט נייע וועגן צום בעסערן יידישן טעאַטער. אויף זיי קוקט מען ווי אויף די רעפאָרמאַטאָרן. האָבנדיק דורכגעמאַכט אַ לאַנגן פּראַקטישן אַנטוויקלונגס-עטאַפּ, וועלן זיי זיין בכוח צו פאַריכטן די געמאַכטע פעלערן און פאַרשפּרייטן ליכט און וויסן אין אַלע זייטן; וועלן די יונגע קונסט-אַדעפּטן מיט זיכערע און פעסטע טריט צוקומען צום אַלטן בנין, צום טעאַטער, און פול מיט באַגייסטערונג פאַרנעמען די ערטער פון זייערע פאָרגייער.

ווי אַזוי דאַרף די אַרבעט אַוועקגעשטעלט ווערן?



III.

## די אַרבעט אין די דראַמאַטישע קרייזן.

קודם־כל מוז מען פאַרמיידן די דערשיינונג, וואָס האָט אָן אָרט אין געוויסע קרייזן, אַז די גאַנצע אַרבעט ווערט אַרויפגעלייגט אויף איין פּערזאָן. די אַרבעט איז אַ צו פאַראַנטוואָרטלעכע און אַ צו שווערע, אַז ס'זאָל זי קענען אויספירן איין פּערזאָן, מעג ער זיין ווי ענערגיש און פעיק. דעריבער איז געווונטשן צו פאַרטיילן די אַרבעט אויף צווייגן און פאַר יעדן צווייג זאָל זאָרגן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע.

עס ווערן אַלזאָ אויסגעקליבן קאָמיסיעס און די באַטרעפנדיקע אַרבעט ווערט פאַרטיילט דער געהעריקער קאָמיסיע, לויט דעם פאָלגנדיקן סדר:

1) טעכנישע קאָמיסיע, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ווירטשאַפטלעכער זייט פון קרייז.

2) רעפּערטואַר-קאָמיסיע, וואָס זאָרגט פאַרן מאַטעריאַל פונם קרייז.

3) רעזשי-קאָמיסיע, אָדער רעזשיסער, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קינסטלערישער זייט פון דער אויפפירונג (פאָרשטעלונג). די אַלע דריי קאָמיסיעס בילדן צוזאַמען איין הויפּט-קאָמיסיע, דעם אַזוי גערופענעם ראַט פון קרייז, וועלכער וויילט פון זיין זייט אַ פאָרזיצער, סעקרעטאַר און קאַסירער. די הויפּט-קאָמיסיע, ד. ה. דער ראַט, רופט צונויף פון צייט-צו-צייט זיצונגען, אויף וועלכע עס ווערן באַהאַנדלט אַלע וויכטיקע אַקטועלע פראַגן, טראָגט אַרויס רעזאָלוציעס און זאָרגט דערפאַר, אַז יעדע איינע קאָמיסיע זאָל דערפילן ווי געהעריק די אויף איר אַרויפגעלייגטע התחייבותן. יעדער פּראָיעקט, וואָס ווערט דורך וועלכער עס איז קאָמיסיע אויסגעאַרבעט, דאַרף אויף איינע פון די לויפנדיקע זיצונגען באַשטעטיקט ווערן דורכן ראַט. אַלע פאַראָרדנונגען, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות צו וועלכער עס איז קאָמיסיע, ווערן אַרויסגעגעבן דורך דער באַטרעפנדיקער קאָמיסיע.

Ghetto Fighters' House

ערן ביים היילן פון זייער קראַנקער עלטערער שוועסטער,
יף קיין איין אויגנבליק נישט פאַרגעסן, אַז די אַליין
שווער קראַנק און פון זייער געזונטווערן איז אָפּ-
זוקונפט פון אַ גאַנצן דור.

ר זיך, אַלזאָ, באַמיען צו געפינען אַ היילמיטל פאַר די
קרייזן און זען ווען ווי אַזוי זיך ווידער געזונט
צו שטעלן.

II.

## ...פגאַבן פון די דראַמאַטישע קרייזן.

ראַמאַטישע קרייזן דאַרפן זיין די צענטרען, ווו עס
נויפגיסן אַלע יונגע נשמות, וואָס זוכן זייערע צילן אין
אַרבעט, קולטווירן זיך און אַנדערע (דעם עולם),
ע כוחות ביים פאַרקערפּערן פאַרשידענע געשטאַלטן,
פינען זייער באַפרידיקונג אין אַרבעט פאַר דער שיי-
דערפאַר דאַרפן די טירן פון די דראַמאַטישע קרייזן
ט זיין אָפן פאַר אַלע, וואָס שטרעבן אהין צו אַ באַ-
, קאָנצענטרירטער אַרבעט; פון דער אַנדערער זייט --
אַר די אַלע, וואָס קומען אהין צוליב לאַנגווייליקייט,
ב, ציען חיונה און אַנדערע ענלעכע צוועקן.

דראַמאַטישע קרייזן דערוואַרט מען אין דער צוקונפט
אַס בעסערן יידישן טעאַטער. אויף זיי קוקט מען ווי
אַרמאַטאָרן. האָבנדיק דורכגעמאַכט אַ לאַנגן פּראַקטישן
עטאַפּ, וועלן זיי זיין בכוח צו פאַרזיכן די נעמאַבטע
פאַרשפּרייטן ליבע און ווייסן אין אַלע זייטן; ווען
טס-אַרעפּטן מיט זיכערע און פעסטע טריט צוקומען
ן, צום טעאַטער, און פול מיט באַגייסטערונג פאַר.
יער פון זייערע פאָרגענגער.

דאַרף די אַרבעט אויפגעשטעלט ווערן?

III.

## די אַרבעט אין די דראַמאַטישע קרייזן.

קודם-כל מוז מען פאַרמיידן די דערשיינונג, וואָס האָט אָן אָרט אין געוויסע קרייזן, אַז די גאַנצע אַרבעט ווערט אַרויפגעלייגט אויף איין פּערזאָן. די אַרבעט איז אַ צו פאַראַנטוואָרטלעכע און אַ צו שווערע, אַז ס'זאָל זי קענען אויספירן איין פּערזאָן, מעג ער זיין ווי ענערגיש און פעיק. דעריבער איז געוואונטשן צו פאַרטיילן די אַרבעט אויף צווייגן און פאַר יעדן צווייג זאָל זאָרגן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע.

עס ווערן אַלזאָ אויסגעקליבן קאָמיסיעס און די באַטרעפנדיקע אַרבעט ווערט פאַרטיילט דער געהעריקער קאָמיסיע, לויט דעם פאָלגנדיקן סדר:

1) טעכנישע קאָמיסיע, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ווירטשאַפטלעכער זייט פון קרייז.

2) רעפּערטואַר-קאָמיסיע, וואָס זאָרגט פאַרן מאַטעריאַל פונם קרייז.

3) רעזשי-קאָמיסיע, אָדער רעזשיסער, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קינסטלערישער זייט פון דער אויפפירונג ופאַרשטעלונג). די אַלע דריי קאָמיסיעס בילדן צוזאַמען איין הויפּט-קאָמיסיע, דעם אַזוי גערופענעם ראַט פון קרייז, וועלכער ווייטס פון זיין זייט אַ פאָרזיצער, סעקרעטאַר און קאַסירער. די הויפּט-קאָמיסיע, ד. ה. דער ראַט, רופט צונויף פון צייט-צו-צייט זיצונגען, אויף וועלכע עס ווערן באַהאַנדלט אַלע וויכטיקע אַקטועלע פראַגן, טראָגט אַרויס רעזאָלוציעס און זאָרגט דערפאַר, אַז יעדע איינע קאָמיסיע זאָל דערפילן ווי געהעריק די אויף איר אַרויפגעלייגטע התחייבותן. יעדער פּראָיעקט, וואָס ווערט דורך וועלכער עס איז קאָמיסיע אויסגעאַרבעט, דאַרף אויף איינע פון די דורפנדיקע זיצונגען באַשטעטיקט ווערן דורכן ראַט. אַלע פאַרארדנונגען, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות צו וועלכער עס איז קאָמיסיע, ווערן אַרויסגעגעבן דורך דער באַטרעפנדיקער קאָמיסיע.

Ghetto Fighters' House

אַ באַשלוס וואָס איז אין אַלגעמיין שייך דעם קרייז — מוז אונטערגעשריבן ווערן דורכן ראַט. דאָס אַלץ איז נייטיק נישט צוליב ביוראָקראַטישע פאָרמאַליטעטן, נאָר כדי צו באַפעסטיקן די אָרדענונג און דיסציפּלין אין קרייז.

IV.

## דער ראַט.

דער ראַט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קינסטלערישער און אַדמיניסטראַטיווער זייט פונם דראַמאַטישן קרייז, דאַרף זיך באַמיען, זאָרגנדיק פאַר דער טובה פון קרייז, איינפירן אַ שטרענגע דיסציפּלין, געבויט נישט אויף דעספּאָטישע יסודות, נאָר אויף חברישער באַוווסטזיניקער אַרבעט. אויב יעדער איינער פון די מיטגלידער וועט זיך מיט רעספּעקט באַציִען צו זיינע פליכטן, נעמענדיק אין אַכט די זאַך העכער ער דינגס, וועט במילא געשאַפן ווערן די נייטיקע האַרמאָניע און די אַרבעט וועט געבן געווּנטשענע פירות.

דער ראַט איז מחויב:

1) וואָס עפטער איינצואָרדנען לעקציעס און פאָרלעזונגען פון יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע, וועגן יידישן טעאַטער, און צו דעם צוועק אויסשרייבן די געהעריקע כוחות.

2) פירן שמועסן וועגן פיעסן בכלל (וועגן פיעסן געשטעלטע דורכן קרייז — קומט ווייטער), וועגן אַלע נייע אויפגעפירטע פיעסן (פּרעמיערעס) אין יידישן טעאַטער אין וואַרשע און אין אַנדערע גרעסערע שטעט. ווינטשענסווערט איז, אַז פון צייט־צו־צייט זאָלן די מיטגלידער פון דראַמאַטישע קרייזן באַזוכן אויך גרויסשטעטישע יידישע טעאַטערס און צוריקקומענדיק אַהיים — איינאָרדנען דיסקוסיע־אָוונטן וועגן זייערע איינדרוקן. אויב מעגלעך, באַזוכן אויך פרעמדע טעאַטערס.

דער ראַט דאַרף זיך באַמיען איינצואָרדנען ביים דראַמאַטישן קרייז אַ ביבליאָטעק פון וויסנשאַפטלעכע, פובליציסטישע און טעאַטער־ביכער אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן. אַלס פאָרשטייער פון קרייז, דאַרף דער ראַט זען אָנצוקניפּן באַציִונגען מיט די דראַמאַטישע קרייזן פון די אַרומיקע שטעט; שטיין מיט זיי אין שטענדיקן קאָנטאַקט; שיקן פון צייט־צו־צייט דעלעגאַטן צו זיך; אינטערעסירן זיך מיט דער קעגנזייטיקער אַרבעט; געבן זיך קעגנזייטיקע פּראַקטישע אָנווייזונגען; אויסבאָרגן זיך פיעסן, אויב אַ פיעסע איז דורך אַ דראַמאַטישן קרייז אין אַן אַנדער שטאָט פריִער אויפגעפירט געוואָרן — אינטערעסירן זיך ווי אַזוי, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען און רעזולטאַטן. אויב אין אַ שכנותדיקן שטעטל איז גאָר נישטאָ קיין דראַמאַטישער קרייז, דאַרף דער ראַט דעלעגירן אַהין אַ מיטגליד מיט די נייטיקע אינסטרוקציעס, כדי דאָרט אויך צו אָרגאַניזירן ביי דער יוגנט אַ דראַמאַטישן קרייז אויף די זעלבע יסודות, וואָס ביי זיך. די צוזאַמענאַרבעט פון אַלע דראַמאַטישע קרייזן איז געווּנטשן, כדי מיט דער צייט זיי אַלע צו צענטראַליזירן אונטער שוץ און מיטהילף פון די געהעריקע אינסטיטוציעס.

V.

## טעכנישע קאָמיסיע.

אַלס אויספיר־אָרגאַן פונם קרייז, דאַרף די טעכנישע קאָמיסיע זאָרגן וועגן דער אינערלעכער און אויסערלעכער אַדמיניסטראַטיווער זייט פונם קרייז. זי אָרדנט איין אַלע אָוונטן, פאָרשטעלונגען א. א. וו., היט אָפּ די אָרדענונג און פּינקטלעכקייט אין אַלע הינזיכטן. קודם־כל דאַרף די טעכנישע קאָמיסיע (אין הסכם מיטן ראַט):

1) אויסאַרבעטן אַ רעגלאַמענט פאַר די מיטגלידער פונם קרייז וועגן זייערע התחייבותן, ווי אויך וועגן דער פּינקטלעכקייט פון די פּראָבן און פאָרשטעלונגען. אין די דראַמאַטישע קרייזן דאַרפן זיך די מיטגלידער שוין צוגעוויינען צו פּינקטלעכקייט, מיט וועלכער זיי וועלן דערגרייכן טאָפּלטע רעזולטאַטן: דערציִען זיך און דעם עולם (טעאַטער־באַזוכער).

Ghetto Fighters' House

וָאס איז אין אַלגעמיין שייך דעם קרייז — מוז אונטער-
ערן דורכן ראַט. דאָס אַלין איז גייסיק נישט צוליב
שע פאָרמאַליטעטן, נאָר כדי צו באַפעסטיקן די אָרדנונג
ין אין קרייז.

IV.

## דער ראַט.

ראַט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קינסטלע-
אַדמיניסטראַטיווער זייט פונם דראַמאַטישן קרייז, דאַרף
זאָרגנדיק פאַר דער טובה פון קרייז, איינפירן אַ
צייפּלין, געבויט נישט אויף רעספּעקטישע יסודות, נאָר
ער באַוווסטזיניקער אַרבעט. אויב יעדער איינער פון
ר וועט זיך מיט רעספּעקט באַציען צו זיינע פליכטן,
ן אַכט די זאַך וועלכער ער דינט, וועט במילא גע-
די גייסטיקע האַרמאָניע און די אַרבעט וועט געבן גע-
ירות.

ראַט איז מחויב:

אָס עפּעס איינצואָרדנען לעקציעס און פאָרלעזונגען
און אַלגעמיינער געשיכטע, וועגן יידישן טעאַטער,
צוועק אויסשרייבן די געהעריקע פּרוזות.

רן שמועסן וועגן פּיעסן בכלל (וועגן פּיעסן גע-
בן קרייז — קומט ווייטער), וועגן אַלע נייע אויפ-
ן (פּרעמיערעס) אין יידישן טעאַטער און וואַרשע-
רע גרעסערע שטעט. ווינטשענסווערט איז, אַז פון
וואַלן די מיטגלידער פון דראַמאַטישע קרייזן באַזוכן
עטישע יידישע טעאַטערס און צוריקקומענדיק אהיים —
טקוסיע-אָוונטן וועגן זייערע איינדרוקן. אויב מעגלעך,
פרעמדע טעאַטערס.

ם דאַרף זיך באַמיען איינצואָרדנען ביים דראַמאַטישן
אָטעק פון וויסנשאַפטלעכע, פּובליציסטישע און טעאַ-

טער-ביכער אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן. אַלס פאָרשטייער פון קרייז, דאַרף דער ראַט זען אָנצוקניפּן באַציונגען מיט די דראַמאַטישע קרייזן פון די אַרומיקע שטעט; שטיין מיט זיי אין שטענדיקן קאָנטאַקט; שיקן פון צייט-צו-צייט דעלעגאַטן צו זיך; אינטערעסירן זיך מיט דער קעגנזייטיקער אַרבעט; געבן זיך קעגנזייטיקע פּראַקטישע אָנווייזונגען; אויסבאָרגן זיך פּיעסן. אויב אַ פּיעסע איז דורך אַ דראַמאַטישן קרייז אין אַן אַנדער שטאָט פריער אויפגעפירט געוואָרן — אינטערעסירן זיך ווי אַזוי, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען און רעזולטאַטן. אויב אין אַ שכנותדיקן שטעטל איז נאָך נישטאָ קיין דראַמאַטישער קרייז, דאַרף דער ראַט דעלעגירן אהין אַ מיטגליד מיט די נייטיקע אינסטרוקציעס, כדי דאָרט אויך צו אָרגאַניזירן ביי דער יוגנט אַ דראַמאַטישן קרייז אויף דיזעלבע יסודות, וואָס ביי זיך. די צוזאַמענאַרבעט פון אַלע דראַמאַטישע קרייזן איז געווונטשן, כדי מיט דער צייט זיי אַלע צו צענטראַליזירן אונטער איין מיטהילף פון די געהעריקע אינסטיטוציעס.

V.

## טעכנישע קאָמיסיע.

אַלס אויספיר-אָרגאַן פונם קרייז, דאַרף די טעכנישע קאָמיסיע זאָרגן וועגן דער אינערלעכער און אויסערלעכער אַדמיניסטראַטיווער זייט פונם קרייז. זי אָרדנט איין אַלע אָוונטן, פאָרשטעלונגען א. א. וו., היט אָפּ די אָרדנונג און פּינקטלעכקייט אין אַלע הינזיכטן. קודם-כל דאַרף די טעכנישע קאָמיסיע (אין הסכם מיטן ראַט):

1) אויסאַרבעטן אַ רעגולאַמין פאַר די מיטגלידער פונם קרייז וועגן זייערע התחייבותן, ווי אויך וועגן דער פּינקטלעכקייט פון די פּראָבן און פאָרשטעלונגען. אין די דראַמאַטישע קרייזן דאַרפן זיך די מיטגלידער שוין צוגעוויינען צו פּינקטלעכקייט מיט וועלכער זיי וועלן דערגרייכן סאַמע רעזולטאַטן: דערציען זיך און דעם עולם (טעאַטער-באַזוכער).

Ghetto Fighters' House

2) זאָרגן פאַר דער צוגרייטונג פון קאָסטיומען, פּאַריק, מעבל און רעקוויזיט (לויט דער רשימה, וואָס זי באַקומט פונם רעזשיסער).

3) אויסאַרבעטן פאַרן עולם צוגעגליכע פּרייזן פון בילעטן, כדי אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג זאָלן האָבן אַ צוטריט צו די פאָרשטעלונגען.

4) ניט פאַרקויפן מער בילעטן, ווי ס'זענען פאַראַן ערטער אין זאַל, ווי אויך נומערירן אַלע ערטער. דען אַרויסצוגעבן וואָס ווייניקער פרייע-בילעטן (קאָנטראַמאַרקעס), כדי אויסצומיידן אומאָרדענונגען.

5) אכטונג געבן (געמענדיק, נאַטירלעך, אין אַכט די לאָקאַלע באַדינגונגען פונם אָרט), אַז אַלע איונגען און פאָרשטעלונגען זאָלן זיך אָנהייבן און ענדיקן ווי ווייט מעגלעך פריער. דאָס ווענדט זיך באַלד פונם ערשטן איונג, ליים וועלכן דער עולם וועט זיך שוין צו די ווייטערדיקע איונגען אַליין צופּאַסן. דאָס שפּעטע אָנהייבן און ענדיקן ווירקט זער שלעכט אויף די אָנטיילנעמער און נאָך ערגער אויף די צושויער: עס ווערט אַן אַלגעמיינע דענערווירונג, וואָס שטערט דעם אָנטיילנעמער צו שפּילן און דעם צושויער רויבט עס צו זיין רויקייט, אַזוי אַז אומאָרדנונג אין אַזאַ פאַל איז אומפאַרמיידלעך.

6) באַמיען זיך ווי ווייט מעגלעך, נאָכן אָנהייב פון שפּילן נישט אַריינצולאָזן אין זאַל ביזן אַנטראַקט (פּויזע), ווייל דאָס אַריינלאָזן שטערט סיי דעם אָנטיילנעמער, סיי דעם צוהערער.

7) אכטונג געבן, אַז דער בינע-לייטער (געהילף-רעזשיסער) זאָל באַלד נאָכן לעצטן סיגנאַל און נאָכן אויסלעשן פונם ליכט, כאַמעגלעכאל געבן דעם פּוראַנג, וואָס וועט אויך פאַרמיידן ביים עולם אַ דענערווירונג, און דער עיקר: פאַרמיידן לאַנגע אַנטראַקטן. ווייטער דאַרף זיך די טעכנישע קאָמיסיע צופּאַסן צו אַלע באַשלוסן פונם ראַט און זען זיי צו פאַרווירקלעכן אין לעבן.



VI.

# רעפּערטואַר-קאָמיסיע.

די רעפּערטואַר-קאָמיסיע דאַרף זיך פאַרנעמען ספּעציעל מיטן צוגרייטן פּיעסן פאַרן דראַמאַטישן קרייז. די דאָזיקע קאָמיסיע דאַרף אויך צושטעלן פּיעסן (ביכער) פאַר דער ביבליאָטעק, פּיעסן, וואָס וועלן דורך איר צוגעגרייט צום שטעלן, דאַרפן קודם-כל זיין צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון קרייז. מ'מוז, למשל, נעמען אין אַכט די כוחות פונם קרייז, ווי אויך די בינע און טעכנישע מיטלען, וואָס שטייען צו דער פאַרפיגונג פון קרייז. עס איז דאָך לעכערלעך אויפצופירן אַ פּיעסע, וואָס פאָדערט אַ וואַלד אָדער גאָרטן, אויף אַ בינע, וואָס פאַרמאָגט נישט מער ווי איין שטוב-דעקאָראַציע, און אין אַ סך פאַלן דאָס אויך נישט. דאָס פאַרטרעטן (מאַרקירן) מיט צווייגן באַפּוצונג, אָדער גאָר בלומענטעפּ, ווי עס טרעפט אָפט ביי די קרייזן, שאַפט אַלץ נישט די נייטיקע אילוזיע פאַרקערט, עס רופט אַרויס אַ געלעכטער.

מען דאַרף אויך פאַרמיידן די „סעזאָן-פּיעסן", וואָס גייען ערגעץ אין אַ טעאַטער מיט גרויס דערפאָלג, אויב זיי זענען נישט צוגעפּאַסט צו די כוחות און מיטלען פונם קרייז. ווינטשנסווערט פאַר דראַמאַטישע קרייזן זענען פּיעסן וואָס די גאַנצע שפּיל (אַקציע) איז נישט געבויט אויף איין פּערזאָן, נאָר ווו דער קאָנפליקט באַשעפטיקט אַלע מיטשפּילנדיקע (אַנסאַמבל-פּיעסן). אויף פּיעסן פון אייראָפּעישן רעפּערטואַר זאָל די רעפּערטואַר-קאָמיסיע וואָס מער אַכט לייגן. צו די אויפגאַבן פון דערוועלבער קאָמיסיע געהערט אויך דאָס אויסזוכן איבערזעצטע פּיעסן און פּיעסן וואָס פּאַסן זיך צום איבערזעצן, און איינלאַדן די געהעריקע מענטשן איבערצוזעצן די געגעבענע פּיעסע. די רעפּערטואַר-קאָמיסיע איז אויך מחויב אַכטונג צו געבן אויף די שפּראַך פון די איבערזעצטע פּיעסן און אפילו אויף די פּיעסן וואָס זענען שוין געדרוקט; ס'זאָל זיין

Ghetto Fighters' House

2) זאָרגן פאַר דער צוגרייטונג פון קאָסטיומען, פאַריק, מעבל און רעקוויזיט (לויט דער רשימה, וואָס זי באַקומט אינם רעזשיסער).

3) אויסאַרבעטן פאַרן עולם צוגעגנגלעכע פּרייזן פון בילעטן, בדי אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג זאָלן האָבן אַ צוטריט צו די פאָרשטעלונגען.

4) נישט פאַרקויפן מער בילעטן, ווי ס'זענען פאַראַן ערטער ין זאַל, ווי אויך נומערירן אַלע ערטער. זען אַרויסצוגעבן וואָס ווייניקער פרייַ-בילעטן (קאָנטראַמאַרקעס), כדי אויסצומיידן ומאָרדנונגען.

5) אכטונג געבן (נעמענדיק, גאַמירלעך, אין אכט די לאָ־ זאַלע באַדינגונגען פונם אָרט), אַז אַלע אָיגנטן און פאָרשטעלונגען אַלן זיך אָנהייבן און ענדיקן ווי ווייט מעגלעך פריער. דאָס ענדט זיך באַלד פונם ערשטן אָונט, לויט וועלכן דער עולם וועט יד שוין צו די ווייטערדיקע אָוונטן אַליין צופּאַסן. דאָס שפּעטע נהייבן און ענדיקן ווירקט זער שלעכט אויף די אָנטיילנעמער און אַך ערגער אויף די צושויער: עס ווערט אַן אַלגעמיינע דענער־ ירונג, וואָס שטערט דעם אָנטיילנעמער צו שפּילן און דעם צו־ ויער רויבט עס צו זיין רויקייט, אַזוי אַז אומאָרדנונג אין אַזאַ אַל איז אומפאַרמיידלעך.

6) באַמיען זיך ווי ווייט מעגלעך, נאָכן אָנהייב פון שפּילן שט אַריינצולאָזן אין זאַל ביזן אַנטראַקט (פּויזע), ווייל דאָס יינלאָזן שטערט סיי דעם אָנטיילנעמער, סיי דעם צוהערער.

7) אכטונג געבן, אַז דער בינע-מייסטער (געהילף-רעזשי־ ער) זאָל באַלד נאָכן לעצטן סיגנאַל און נאָכן אויסלעשן פונם כט, מאָמענטאַל געבן דעם פורהאַנג, וואָס וועט אויך פאַרמיידן ים עולם אַ דענערווירונג, און דער עיקר: פאַרמיידן לאַנגע טראַקטן. ווייטער דאַרף זיך די טעכנישע קאָמיסיע צופּאַסן אַלע באַשלוסן פונם ראַט און זען זיי צו פאַרווירקלעכן לעבן.



VI.

# רעפּערטואַר-קאָמיסיע.

די רעפּערטואַר-קאָמיסיע דאַרף זיך פאַרנעמען ספּעציעל מיטן צוגרייטן פּיעסן פאַרן דראַמאַטישן קרייז. די דאָזיקע קאָמיסיע דאַרף אויך צושטעלן פּיעסן (ביכער) פאַר דער ביבליאָטעק. פּיעסן, וואָס ווערן דורך איר צוגעגרייט צום שטעלן, דאַרפן קודם-כל זיין צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון קרייז. מ'מוז, למשל, נעמען אין אַכט די כוחות פונם קרייז, ווי אויך די בינע און טעכנישע מיט־ לען, וואָס שטייען צו דער פאַרפיגונג פון קרייז. עס איז דאָך לעכערלעך אויפצופירן אַ פּיעסע, וואָס פאָדערט אַ וואַלד אָדער גאָרטן, אויף אַ בינע, וואָס פאַרמאָגט נישט מער ווי איין שטוב־ דעקאָראַציע, און אין אַ סך פאַלן דאָס אויך נישט. דאָס פאַרטרעטן (מאַרקירן) מיט צווייגן באַפּוצונג, אָדער גאָר בלומענטעפּ, ווי עס טרעפט אָפט ביי די קרייזן, שאַפט אָדער נישט די נייטיקע אילוזיע פאַרקערט, עס רופט אַרויס אַ געלעכטער.

מען דאַרף אויך פאַרמיידן די „סעזאָן-פּיעסן", וואָס גייען ערגעץ אין אַ טעאַטער מיט גרויס דערפאָלג, אויב זיי זענען נישט צוגעפּאַסט צו די כוחות און מיטלען פונם קרייז. ווינטשנסווערט פאַר דראַמאַטישע קרייזן זענען פּיעסן וואָס די גאַנצע שפּיל (אַקציע) איז נישט געבויט אויף איין פּערזאָן, נאָר ווי דער קאָנפליקט באַשעפטיקט אַלע מיטשפּילנדיקע (אַנסאַמבל-פּיעסן). אויף פּיעסן פון אייראָפּעישן רעפּערטואַר זאָל די רעפּערטואַר-קאָמיסיע וואָס מער אַכט לייגן. צו די אויפגאַבן פון דערזעלבער קאָמיסיע געהערט אויך דאָס אויסזוכן איבערזעצטע פּיעסן און פּיעסן וואָס פּאַסן זיך צום איבערזעצן, און איינלאַדן די געהעריקע מענטשן איבערצוזעצן די געגעבענע פּיעסע. די רעפּערטואַר-קאָמיסיע איז אויך מחויב אכטונג צו געבן אויף די שפּראַך פון די איבערזעצטע פּיעסן און אפילו אויף די פּיעסן וואָס זענען שוין געדרוקט; ס'זאָל זיין

Ghetto Fighters' House

א שיינער און צוגעגלעטער יידיש. אָנהייבן די ארבעט דאַרף דער קרייז מיט לייכטערע פיעסן, בעיקר איינאַקטערס. די אויסגעזוכטע פיעסן ווערן איבערגעגעבן דעם ראַט צום באַשטעטיקן.

VII.

## רעזשי.

היות ווי די דראַמאַטישע קרייזן האָבן נישט די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן א שטענדיקן, רוטינירטן רעזשיסער, — און ווען עס זאָל זיך שוין יאָ געפינען א קרייז, וואָס זאָל בכוח זיין צו נעמען אויף זיך די שווערע לאַסט, האָבן מיר דאָך נישט די גענוגנדיקע צאָל געניטע און קוואַליפיצירטע רעזשיסערן אפילו פאַר אונזער טעאַטער, בפרט נאָך כדי צו קענען זיי שטעלן צו דער פאַרפיגונג פון דראַמאַטישע קרייזן — דעריבער דאַרפן די דראַמאַטישע קרייזן אויסצוקלייבן א רעזשי-קאָמיסיע, וואָס זאָל די געשטעלטע פיעסע קאָלעגיאַל באַאַרבעטן און אויסקלייבן איינעם פון דער קאָמיסיע אָפּצוהיטן און קאָנטראָלירן דעם גאַנג פון דער פיעסע. ווען אָבער דער קרייז האָט נישט די פּאַסיקע פערזאָנען פאַר דער קאָמיסיע, דאַרף אויסגעקליבן ווערן - אלס רעזשיסער - אן אינטעליגענטער מענטש מיט א רייכע פאַנטאַזיע, וואָס זאָל האָבן געזען א סך טעאַטער און בכלל האָבן א גרעסערן אינטערעס צו בינע-קונסט.

באַקומענדיק אלזאָ פונם ראַט א פיעסע צום אויספירן, דאַרף דער רעזשיסער די פיעסע פריער גוט דורכליינען, אָפּשטעלן זיך אויף איר אידעע און באַאַרבעטן זי - אין זיין פאַנטאַזיע - אזוי, אז צו די פּראָבן זאָל ער האָבן א קלאָרן באַגריף וועגן דער גאַנצער זאַך און אלע איינצלהייטן, און יעדע געשטאַלט זאָל שטיין פאַר זיינע אויגן ווי אויסגעטאָקט, כדי צו קענען אָפּהיטן, אז די דורך דעם פאַרקערפּערער געשאַפענע געשטאַלט זאָל זיך נישט צעגיין מיטן גרונט-געדאַנק פון דער פיעסע, ווי אויך אכטונג צו געבן, אז די גאַנצקייט פון דער זאַך זאָל נישט פאַרלירן איר זין. דער רעזשיסער פון די דראַמאַטישע קרייזן דאַרף אויסמיידן אָנצוואַרפן



די באַטייליקטע די אויספירונג פון דער ראָל — לויט זיין (דעם רעזשיסערס) ווילן. עס איז מער א ליבהאָבער (און אפילו פאַר אן אקטיאָר) שעדלעך! דער רעזשיסער איז נאָר דער קאָנטראָלירנדיקער פאַקטאָר. ער דאַרף אכטונג געבן אויפן ריכטיקן טאָן, אָפּהיטן דעם טעמפּאָ, פּאַוזעס; אויסאַרבעטן מיזאַנסצענעס, סיטואַציעס און אָפּהיטן די איינהייטלעכקייט פונם צוזאַמענשפּיל (אַנסאַמבל). עס איז איבערהויפּט א טעות צו מיינען, אז דער רעזשיסער מוז יעדעס וואָרט, יעדע באַוועגונג אָנוואַרפן דעם אויספירער. ביי פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרן איז עס געפערלעך, בפרט נאָך ביי ליבהאָבער (אַמאַטאָרן) פון די דראַמאַטישע קרייזן, וועלכע דאַרפן באַלד פון אָנהייב צוגעוווינט ווערן צו פרייער אינטעלעקטועלער ארבעט, וועלכע עס דאַרף געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייערע אַספּיראַציעס און וואַקסן אין דער ריכטונג צו וועלכער זיי שטרעבן. ביי א געצוווּנגענער ארבעט בלייבן אָבער זייערע ווּשים פּאַראַליזירט און דערמיט ווערט אויך צוגעטריבט ביי זיי דער מוט. דער מענטש איז נישט קיין מאַשין און זיין אינדיווידועל שאַפן דאַרף זיין געבויט אויף: אינטעלעקט, אינטויציע, טעמפּעראַמענט, און א פונק פון דעם וואָס מען רופט אָן: טאַלענט. טאַלענט, דאָס איז די היפּנאָז מיט וועלכער ער קען צעברעכן אלע מכשולים, וואָס שטערן אים צו דערגרייכן און צו פאַרשטיין די סודות פון טעאַטער-קונסט. נישט באַזיצנדיק אָבער דעם כלי-זין: העלפן אים נישט קיין טראַדיציעס און אָנגעוואָרפענע שולן; דער רעזשיסער האָט מער רעכט בנוגע דעם אויספיר פון דער פיעסע, ווי צום אקטיאָר; ער קען מיט קונציקע (טעכנישע) מיטלען אַרויסרופן אין אן אָטעמלאָזער פיעסע — לעבן, ער קען זיך דערלויבן צו „שניידן" (קאָרעגירן) און אפילו צוגעבן שטעלן אין א פיעסע, ווו ער געפינט עס פאַר נייטיק (צוליב סצענישע סיבות), אָבער אַרויסבאַקומען פון אן אָטעמלאָזן מענטשן — נשמה, האַרץ, וועט אים נישט געלינגען, און פאַרזעצן עס מיט טעכנישע מיטלען, מיט עפעקטן — וועט עס אויסקומען אויטאָמאַטיש, געקינצלט, און עס וועט קיינעם נישט איבערצייגן. קיינער וועט זיינע רייד נישט גלייבן. דער קונסט-מענטש מוז אליין שאַפן, זוכן אייגענע, אַלעמאָל

אַ שיינער און צוגעגלעטער ייִדיש. אָנהייבן די אַרבעט דאַרף דער קרייז מיט לייכטערע פּיעסן, בעיקר איינאַקטערס. די אויסגעזוכטע פּיעסן ווערן איבערגעגעבן דעם ראַט צום באַשטעטיקן.

VII.

## רעזשי.

היות ווי די דראַמאַטישע קרייזן האָבן נישט די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן אַ שטענדיקן, רוטינירטן רעזשיסער, — און ווען עס זאָל זיך שוין יאָ געפינען אַ קרייז, וואָס זאָל במות זיין צו נעמען אויף זיך די שווערע לאַסט, האָבן מיר דאָך נישט די גענוגנדיקע צאָל גענייטע און קוואַליפיצירטע רעזשיסערן אפילו פאַר אונזער טעאַטער, בפרט נאָך כדי צו קענען זיי שטעלן צו דער פאַרפיגונג פון דראַמאַטישע קרייזן — דעריבער דאַרפן די דראַמאַטישע קרייזן אויסצוקלייבן אַ רעזשי-קאָמיסיע, וואָס זאָל די געשטעלטע פּיעסע קאָלעגיאַל באַאַרבעטן און אויסקלייבן איינעם פון דער קאָמיסיע אָפּצוהיטן און קאָנטראָלירן דעם גאַנג פון דער פּיעסע. ווען אָבער דער קרייז האָט נישט די פּאַסיקע פּערזאָנען פאַר דער קאָמיסיע, דאַרף אויסגעקליבן ווערן - אַלס רעזשיסער און אינטעליגענטער מענטש מיט אַ רייכע פאַנטאַזיע, וואָס זאָל האָבן געזען אַ סך טעאַטער און בכלל האָבן אַ גרעסערן אינטערעס צו בינע-קונסט.

באַקומענדיק אַלזאָ פונם ראַט אַ פּיעסע צום אויספירן, דאַרף דער רעזשיסער די פּיעסע פריער גוט דורכליינען, אָפּשטעלן זיך אויף איר אידעע און באַאַרבעטן זי אין זיין פאַנטאַזיע אַזוי, אַז צו די פּראָבן זאָל ער האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן דער גאַנצער זאַך אין אַלע איינצלהייטן, און יעדע געשטאַלט זאָל שטיין פאַר זיינע אויגן ווי אויסגעטאָקט, כדי צו קענען אָפּהיטן, אַז די דורך דעם פאַרקערפּערטער געשאַפענע געשטאַלט זאָל זיך נישט צעגיין מיטן גרונט-געדאַנק פון דער פּיעסע, ווי אויך אַכטונג צו געבן, אַז די גאַנצקייט פון דער זאַך זאָל נישט פאַרלירן איר זין. דער רעזשיסער פון די דראַמאַטישע קרייזן דאַרף אויסמיידן אָנצוואַרפן



די באַטייליקטע די אויספירונג פון דער ראָל לויט זיין (דעם רעזשיסערס) ווילן. עס איז מער אַ ליבהאָבער (און אפילו פאַר אַן אַקטיאָר) שעדלעך! דער רעזשיסער איז נאָר דער קאָנטראָלירנדיקער פאַקטאָר. ער דאַרף אַכטונג געבן אויפן ריכטיקן טאָן, אָפּהיטן דעם טעמפּאָ, פּאַוזעס; אויסאַרבעטן מיזאַנסצענעס, סיטואַציעס און אָפּהיטן די איינהייטלעכקייט פונם צוזאַמענשפּיל (אַנסאַמבל). עס איז איבערהויפּט אַ טעות צו מיינען, אַז דער רעזשיסער מוז יעדעס וואָרט, יעדע באַוועגונג אָנוואַרפן דעם אויספירער. ביי פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן איז עס געפערלעך, בפרט נאָך ביי ליבהאָבער (אַמאַטאָרן) פון די דראַמאַטישע קרייזן, וועלכע דאַרפן באַזד פון אָנהייב צוגעוווינט ווערן צו פרייער אינטעלעקטועלער אַרבעט, וועלכע עס דאַרף געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייערע אַספּיראַציעס און וואַקסן אין דער ריכטונג צו וועלכער זיי שטרעבן. ביי אַ געצוווּנגענער אַרבעט בלייבן אָבער זייערע חושים פּאַראַליזירט און דערמיט ווערט אויך צוגערויבט ביי זיי דער מוט. דער מענטש איז נישט קיין מאַשין און זיין אינדיווידועל שאַפן דאַרף זיין געבויט אויף: אינטעלעקט, אינטויציע, טעמפּעראַמענט, און אַ פינק פון דעם וואָס מען רופט אָן: טאַלענט. טאַלענט, דאָס איז די הויפּטזאַך מיט וועלכער ער קען צעברעכן אַלע מכשולים, וואָס שטערן אים צו דערגרייכן און צו פאַרשטיין די סודות פון טעאַטער-קונסט. נישט באַזיצנדיק אָבער דעם כלי-זין וועלן אים נישט העלפן קיין טראַדיציעס און אָנגעוואָרפענע שולן. דער רעזשיסער האָט מער רעכט בנוגע דעם אויסטאָר פון דער פּיעסע, ווי צום אַקטיאָר; ער קען מיט קונציקע (טעכנישע) מיטלען אַרויסרופן אין אַן אָטעמלאָזער פּיעסע — לעבן, ער קען זיך דערלויבן צו „שניידן" (קאָריגירן) און אפילו צוגעבן שטעלן אין אַ פּיעסע, וווּ ער געפינט עס פאַר נייטיק (צוליב סצעניש סיבות), אָבער אַרויסבאַקומען פון אַן אָטעמלאָזן מענטשן — נשמה, האַרץ, וועט אים נישט געלינגען, און פאַרזעצן עס מיט טעכנישע מיטלען, מיט עפעקטן — וועט עס אויסקומען אויטאָמאַטיש, געקינצלט, און עס וועט קיינעם נישט איבערצייגן. קיינער וועט זיינע רייד נישט גלייבן, דער קונסט-מענטש מוז אַליין שאַפן, זוכן אייגענע, אַלעמאָל

Ghetto Fighters' House

נייע וועגן, איבער וועלכע ער וועט מיט פעסטע און זיכערע טריט קענען קומען צו טויזנטער מענטשן און זיי דערציילן דאָס, וואָס ער פילט — און זיי וועלן אים פאַרשטיין. ער וועט זיי האָבן איבערצייגט אין דעם וואָס ער מיינט — און זיי וועלן גלייבן אין זיינע רייד, אין די רייד, פון פאַרשטאַנד און פון דער נשמה, וואָס האָט אַלץ וואָס ער פרעדיגט — אַליין געשאַפן. פאַרקערט, דאָס אָנוואַרפן דעם שוישפּילער דורכן רעזשיסער, וועלכן עס איז כאַראַקטער, קען אים נאָר פאַרקריפּלען (מאַניערירן).

VIII.

## טעכנישער בינע-לייטער.

